**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 21 מיליאן דאלאר דא צו פארטיילט ווערן צו העלפן מילכיגס פארמער באשיצן וואסער קוואליטעט און רעדוצירן קארבאן באנוץ**

***טייל פון 55 מיליאן דאלאר פארזיכערט אין דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו פאראויס שטופן ניו יארק סטעיט אלס נאציאנאלע פירערין אין מילכיגס אינדוסטריע***

***ניו יארק איז די לאנד'ס הויפט פראדוצירער פון קרים טשיז און יאגורט — די אפיציעלע ניו יארק סטעיט צובייס***

***גאווערנער גיבט ארויס פראקלאמאציע אנערקענענדיג חודש יוני אלס "מילכיגס חודש"; מילכיגס טורס, מילכיגס עדזשוקעישען טעג און מער ווערן אפגעהאלטן דורכאויס יוני***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 21 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילט ווערן פאר פראיעקטן אויף פארמס דורך דעם 'קאנצענטרירטע באשעפעניש פיטערונג אפעראציעס (Concentrated Animal Feeding Operation, CAFO) בארייכערטע נוטריענט און מעטעין פארוואלטונג פראגראם (Enhanced Nutrient and Methane Management Program, ENMP) וואס וועט העלפן פארמער באשיצן וואסער קוואליטעט און פארמינערן די השפעות פון קלימאט טויש. גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעהויבן די סטעיט'ס אלגעמיינע פארפליכטונג צו די מילכיגס אינדוסטריע, אריינרעכענענדיג 34 מיליאן דאלאר צוגעטיילט אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 פאר פליסיגע מילך סטארעדזש טעכנאלאגיעס, די שטיצע פאר עטליכע גרויסארטיגע מילכיגס מעניופעקטשורינג איינריכטונג פראיעקטן און א צאל פון אדווערטייזמענט קאמפיינען דעזיינט צו אויפקלערן קונדן איבער ניו יארקע מילכיגע פראדוקטן. צו אפיציעל אנערקענען די סטעיט'ס מילכיגס פארמער און פראצעסירער וועלכעביישטייערן אזויפיל צו די סטעיט'ס עקאנאמיע, האט די גאווערנער אויך ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעקלערנדיג יוני אלס "מילכיגס חודש" אין ניו יארק סטעיט.

"די מילכיגס אינדוסטריע איז א טרייב קראפט פאר ניו יארק'ס עקאנאמיע, שאפנדיג טויזנטע לאקאלע דזשאבס בשעת'ן ערנערן אונזערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מילכיגס חודש איז א געלעגנהייט צו פייערן אונזערע געוואלדיגע מילכיגס פארמער און מעניופעקטשורערס, און מיר ארבעטן צו זיכער מאכן אז זיי קענען פארזעצן צו ארויפשטעלן די פראדוקטן אויף די טישן פון ניו יארקער פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

כדי צו העלפן פארמער פארגרינגערן די ווירקונגען פון קלימאט טויש און רעדוצירן זייער באנוץ מיט קארבאן, וועט CAFO ENMP צושטעלן 21 מיליאן דאלאר דורך ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס (Soil and Water Conservation Districts) פאר מילכיגס פארמס אריבער די סטעיט. דער פראגראם וועט העלפן פארמערס וואס האבן CAFO פערמיטס צו דורכפירן פראיעקטן וואס באַרייכערן די בהמה

אפפאל פארוואלטונג סיסטעמען וואס באערדיגן קארבאן און היטן אויף די אפפאל נוטריענטן וואס ווערן גענוצט צו באמיסטיגן די פעלדער און ערד צו בענעפיטירן די וואסער קוואליטעט און רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס. דער פראגראם שטיצט אויך פארשריט אין פונקטליכע פיטערונג פארוואלטונג צו באלאנסירן נוטריענטן און רעדוצירן מעטעין עמיסיעס.

א סך הכל פון 14 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילט ווערן פאר בארעכטיגטע פראיעקטן אין די ערשטע רונדע פון דעם פראגראם, און 7 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילט ווערן אין די צווייטע רונדע. בארעכטיגטע אפליקאנטן זענען קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס וועלכע וועלן ארבעטן מיט פארמער וואס האבן CAFO פערמיטס צו אפלייען פאר דעם פראגראם. די איינלאדענונג פאר פארשלאגן האט זיך געעפנט דינסטאג, יוני 4. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

פינאנצירונג פאר דעם פראגראם איז אנאנסירט געווארן אלס טייל פון די גאווערנער'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, און עס בויט ארויף אויף די צוזאג וואס גאווערנער האקול האט געמאכט צו שטיצן מילכיגס פארם מאדערניזירונג און שטאנדהאפטיגקייט. אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט, שטעלט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו 81.8 מיליאן דאלאר דורך די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund) – ארויף 4 מיליאן דאלאר פון לעצטע יאר – פאר אגריקולטורישע פראגראמען און איניציאטיוון, ווי צום ביישפיל דער 'קלימאט-שטאנדהאפטיגע פארמינג' ( Climate Resilient Farming) גרענט פראגראם, וואס העלפן פארמס איינפירן ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע שיטות און באקעמפן קלימאט טויש.

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אויך אריין צואגאבליכע געלטער צו העלפן פארשטערקערן די מילכיגס אינדוסטריע, אריינרעכענענדיג 34 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג אין לויף פון צווי יאר צו אויסברייטערן קאפאציטעט אויף פארמס פאר מילך סטארעדזש, פארבעסערן ווירקזאמקייט, אינוועסטירן אין מילך טראנספער סיסטעמען, קילונג טעכנאלאגיעס און אנדערע פראיעקטן צו פאראויס שטופן געלעגנהייטן פאר מילכיגס פארמער צו טראנספארטירן אדער אוועקלייגן זייערע פראדוקטן. דער פראגראם וועט העלפן פארלייכטערן טראנספארטאציע פראבלעמען אין צייטן פון שווערע ווינטער וועטער און פארשפארטע שאסייען, און דאס וועט פארמערן די ווירקזאמקייט פון די מילכיגס סופליי טשעין און פארמיידן דאס ארויסווארפן רויע מילך צוליב עמערדזשענסי געשעענישן.

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול געמאכט באדייטנדע פארשריט ביים אויסברייטערן די מילכיגס מעניופעקטשורינג אינדוסטריע אין ניו יארק. אין די לעצטע פאר יאר האט ניו יארק געפייערט אינוועסטירונגען אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג א 650 מיליאן דאלארדיגע fairlife פראדוקציע פלענט אין וועבסטער, 518 מיליאן דאלארדיגע Great Lakes Cheese פאקן און מעניופעקטשורינג איינריכטונגען אין פרענקלין און א 30 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג צו די Agri-Mark קעז מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין שעטעגעי, העלפנדיג ניו יארק פארזעצן צו זיין די הויפט פראדוצירער פון מילך אין די צפון-מזרח. עס זענען יעצט דא נאענט צו 300 אלוועלטליך-אנערקענטע מילכיגס פראצעסירונג פלענטס אריבער ניו יארק.

אין צוגאב זענען פילע פון די פראצעסירער שטאלצע אנטיילנעמער אין די [NYS-געוואקסן און סערטיפייד (NYS Grown & Certified)](#) פראגראם, זיך האלטנדיג צו העכערע סטאנדארטן פון עסנווארג זיכערהייט און ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט. עס זענען דא 51 אנטיילנעמנדע מילכיגס פראצעסירער אין די NYS-געוואקסן און סערטיפייד פראגראם, נעמנדיג די מילך פון טויזנטע מילכיגס פארמס אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג Lactalis, וואס פראדוצירט די Galbani Cheese פראדוקטן אין באפעלאו, די DFA'ס לעצטנס אפגעקויפטע Garelick מילך פראדוקטן פלענט אין רענסעליער און Belgioioso'ס

גלענוויל פּלענט וואס פּראדוצירט אויך די Polly-O קעזן וועלכע זענען שוין א ניו יארק סטעיט טראדיציע זינט 1899.

**מילכיגס חודש אקטיוויטעטן און קאמפּיינען**
אין אנערקענונג פון מילכיגס חודש, וועט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) קאמישאנער, ריטשארד באל, ארומגיין אויף טורס אין מילכיגס פארמס און פּראצעסירונג פּלענטס אריבער ניו יארק סטעיט. די דעפּארטמענט וועט אויך אפּהאלטן מילכיגס עדזשוקעישען טעג צו אויסלערנען פאר קינדער אריבער ניו יארק סטעיט איבער די וויכטיגקייט פון פרישע, נאַרהאַפטיגע מילכיגע פּראדוקטן אין זייערע דיעטעס. דעפּארטמענט איינגעשטעלטע וועלן באזוכן לאקאלע עלעמענטערי און מידל סקולס צו העלפן ניו יארקע סקול קינדער פארשטיין פון וואו זייער מילך און מילכיגע פּראדוקטן קומען און איינפלאנצן אין זיי א פריע טיפע פארשטאנד פון די בענעפיטן פון נוצן ניו יארקע פּראדוקטן. חינוך'דיגע מאטעריאלן פאר די סקולס און שילער, אריינרעכענענדיג הנאה'דיגע געשאנקען מיט א פארבינדונג צו מילכיגס, ווערן צוגעשטעלן דורך די  American Dairy Association North East.

Taste NY מארקעטס און וועלקאָם סענטערס אריבער די סטעיט פייערן אויך מילכיגס חודש דורכן ארויסהייבן פארשידענע מילכיגס פּראדוצירער אין זייערע ראיאנען און ארויסלייגנדיג א רייע פון געשמאקע ספּעשעלס דעזיינט צו מוטיגן קונדן צו איינקויפן לאקאלע מילכיגע פּראדוקטן, אריינרעכענענדיג אפּפערן קליינע סעמפּלס פון מילכיגס, ספּעציאליזירטע מילקשעיקס, געלעגנהייטן צו לערנען מער איבער ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע און מער. פאר מער אינפארמאציע איבער וואס קומט פאר ביי די סטעיט'ס וועלקאָם סענטערס און ביי Taste NY מארקעט לאקאציעס, באזוכט [taste.ny.gov](taste.ny.gov).

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד באל, האט געזאגט,** "אלס די סטעיט'ס הויפּט אגריקולטורישע סחורה, האבן מיר זיכער אסאך מיט וואס צו שטאלצירן ווען עס קומט צו ניו יארקע מילכיגס. אונזער סטעיט איז היים צו טייל פון די פלייסיגסטע מילכיגס פארמער און מילכיגס מעניופעקטשורערס וועלכע פּראדוצירן און פּראצעסירן טייל פון די סאמע בעסטע מילכיגע פּראדוקטן אין די וועלט. דעם חודש מוטיג איך אייך אלע צו אויפהייבן א געשמאקע גלאז מילך צו פייערן די גוואלדיגע אינדוסטריע וואס טרייבט אונזער עקאנאמיע און ערנערט אונזערע קאמיוניטיס איבערן סטעיט!"

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "פאר איבער 400 יאר, איז מילכיגס שוין א העכסט וויכטיגע אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט, אויפגעהאלטן דורך דורות'דיגע פאמיליע ביזנעסער וועמען'ס ארבעט האט געמאכט די סחורה פאר ניו יארק'ס גרעסטע אגריקולטורישע סעקטאר. דורכאויס דעם מילכיגס חודש אין יוני, באדאנקען מיר אונזערע לאקאלע מילכיגס פארמער און פּראצעסירער בשעת'ן העכערן שטיצע פאר זייערע ביזנעסער כדי ניו יארק זאל קענען פארבלייבן א מילכיגס סטעיט אריבער אונזער לאנד."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "מילכיגס איז קריטיש-וויכטיג פאר אונזער אגריקולטורישע עקאנאמיע, זייענדיג א גרויסארטיגע פּראדוצירער פון זיכערע און נאַרהאַפטיגע עסנווארג. איך בין גאר שטאלץ מיט די אינוועסטירונגען וואס מיר האבן געמאכט אין די סטעיט בודזשעט צו העלפן אונזערע פארמער רעדוצירן זייער קארבאן באנוץ און זיי העלפן מיט מילך סטארעדזש טעכנאלאגיעס. דעם חודש פייערן מיר די פילע אויסגעצייכנטע מילכיגע פּראדוקטן פאר וועלכע אונזער סטעיט איז באקאנט, און מיר אנערקענען די שווערע ארבעט פון אונזערע מילכיגס פארמער, פּראצעסירער און מילך טרעגער. זיי זענען פאראנטווארטליך צו ברענגען די עסנווארג צו די מארקעט, און מיר זענען גאר דאנקבאר פאר זייערע באמיאונגען."

**פארזיצער פון די Northeast Dairy Producers Association, קיט קימבאל, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו ניו יארקע מילכיגס, ווי ארויסגעוויזן דורך די באדייטנדע אינוועסטירונגען דעזיגנירט צו פארשטעקערן די אינדוסטריע. ניו יארק'ס מילכיגס פארמער זענען טייל פון די לייזונג צו קלימאט טויש, און זיי זענען פארפליכטעט צו באשיצן אונזערע נאטורליכע קוועלער בשעת'ן פראדוצירן נארהאפטיגע מילכיגע פראדוקטן פאר זייערע קונדן. די סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין די CAFO ENMP שפילט א הויפט ראלע ביים שטיצן וויסנשאפט-באזירטע שיטות אויף פאמיליע מילכיגס פארמס וואס רעדוצירן עמיסיעס, פארמיידן אפלויף פון פארפעסטיגנדע כעמיקאלן און היטן אויף וואסער קוואליטעט. אין צוגאב, וועט די סטעיט'ס שטיצע צו אויסברייטערן מילך סטארעדזש אויף פארמס באדייטנד פארבעסערן די ווירקזאמקייט אויף פארמס און פראצעסירונג פלענטס, צוזאמען מיט די באדייטנדע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און פארם זיכערהייט וועלכע וועלן העלפן באפעסטיגן אונזער עסנווארג סופליי טשעין. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג און אין אקאדעמיע צו זיכער מאכן אז אונזערע פאמיליע מילכיגס פארמס בלייבן א גוטע ביזנעס פאר פילע קומענדיגע דורות."

**CEO פון American Dairy Association North East, דזשאן קריסמאן, האט געזאגט,** "דאס העלפן פארמערן די פארשטאנד צווישן קונדן איבער ניו יארקע מילכיגס פאמרער און איבער די נארהאפטיגע פראדוקטן וואס זיי פראדוצירן איז די יסוד פון אלעס וואס מיר טוהען ביי די American Dairy Association North East. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די ניו יארק דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס צו ארויסהייבן מילכיגס און העלפן סקול קינדער מאכן די פארבינדונג מיט די אינדוסטריע וואס שטעלט צו די מילך און מילכיגע פראדוקטן פון וועלכע זיי געניסן אין סקול — באזונדערס דורכאויס נאציאנאלע מילכיגס חודש."

**ניו יארק פארם ביורא (New York Farm Bureau) פרעזידענט, דעיוויד פישער, האט געזאגט,** "דער מילכיגס חודש אין יוני אנערקענט די ביישטייערונגען און שווערע ארבעט פון אונזערע פאמיליע מילכיגס פארמס. זייענדיג אליין א מילכיגס פארמער, זעה איך צו ערשט-האנטיג די אנגייענדע פארבעסערונגען וואס מיר מאכן אויף שטאנדהאפטיגקייט, זיך אפגעבן מיט חיות און ארבעטספלאץ באריכערונגען. אונזערע פארמס, מילכיגס קאאפעראטיוון און מילכיגס פראצעסירער זענען נאציאנאלע פירער ביים צושטעלן געזונטע, נייע סארטן פראדוקטן פון וועלכע קונדן קענען געניסן מער און מער אזוי אויך דזשאבס אריבער די סטעיט. די ניו יארק פארם ביורא באדאנקט גאווערנער האקול פאר איר שטיצע צו ארויפבויען אויף די רעפוטאציע דורך עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע פינאנצירונג. צוזאמען קענען מיר אלע פייערן די ווערט וואס פארמס גיבן פאר ניו יארק און אירע מענטשן."

**ניו יארק סטעיט ערד און וואסער קאמיטע (Soil and Water Committee) פארזיצער, דעיל סטיין, האט געזאגט,** "דעם מילכיגס חודש, בין איך שטאלץ צו זעהן די געוואלדיגע ארבעט וואס אונזערע פארמער טוהען צו פארמערן שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען אוועקגעשטעלט אין פארנט און צענטער. די פינאנצירונג איז נאך א קריטישע טריט אויף פאראויס צו העלפן אונזערע פארמער אריבערגיין צו קלימאט-זיכערע שיטות וואס פרעזערווירן אונזערע נאטורליכע קוועלער און באקעמפן קלימאט טויש בשעת'ן פארזעצן צו באשיצן זייערע ביזנעסער און ערנערן אונזערע קאמיוניטיס."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די Northeast Dairy Foods & Suppliers Associations, אלעקס וואלש, האט געזאגט,** "דורכאויס דעם מילכיגס חודש אין יוני, טוהען מיר אנערקענען און ארויסהייבן די באדייטנדע ביישטייערונגען וואס די מילכיגס אינדוסטריע מאכט צו ניו יארק און דעם ראיאן. אנגעהויבן פון אונזערע שווער-ארבעטנדע פראדוצירער, איבערגעגעבענע פראצעסירער, מעניופעקטשורערס, דיסטריביוטערס, סופלייערס און ריטעילערס, שטיצנדע אינדוסטריע און רעגירונג שותפים — איז דאס אן

אמת'ע צוזאמענארבעט וואס מאכט די מילכיגס סעקטאר דא אין די סטעיט שטארק און פאר א נאציאנאלע פירערין אלס אן עקאנאמישע טרייב קראפט און שאפנדיג טויזנטע דזשאבס אריבער ניו יארק. אונזער ציהל בלייבט קלאר: צו צושטעלן זיכערע, געזונטע און נארהאפטיגע פראדוקטן פאר קונדן."

**איבער די מילכיגס אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט**
די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס שטיצט ניו יארק סטעיט אגריקולטור און אירע פארשידנארטיגע פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט, זי שטופט פאר אגריקולטורישע ענווייראמענטאלע אחריות און היט אויף די סטעיט'ס עסנווארג סופליי, לאנד און באשעפענישן צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריעס קענען זיין ערפאלגרייך און וואקסן. ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע איז די פירנדע אגריקולטורישע סעקטאר פון די סטעיט'ס עקאנאמיע און איז פאראנטווארטליך פאר אומגעפער האלב פון ניו יארק'ס סך הכל אגריקולטורישע איינקונפטן. ניו יארק סטעיט האט נאענט צו 3,000 מילכיגס פראדוצירער וואס פראדוצירן איבער 16.1 ביליאן פונט פון מילך יערליך, מאכנדיג ניו יארק פאר די לאנד'ס פיפט-גרעסטע מילכיגס סטעיט. ניו יארק'ס אייגנארטיגע און טאלאנטפולע מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער מאכן באדייטנדע ביישטייערונגען צו ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע, די עקאנאמיע און די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן